בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# אַ רוּאִיגֶע לֶעבְּן

וואוּ אִיר וֶועט לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי אִיר קֶענְט הָאבְּן "אַ רוּאִיגֶע לֶעבְּן" פוּל מִיט גֶעשְׁמַאק אוּן חַיוּת, סֵיי אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן סֵיי בַּיי דִי אַרְבֶּעט, וִוי אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה.

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"ש זי"ע

לֵיל שִׁשִּׁי וַיֵּצֵא תשע"ד

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נְיוּ יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# אַ רוּאִיגֶע לֶעבּן

## א.

### אֱמוּנָה אִיז דִי עֵצָה פַאר אַ רוּאִיג לֶעבְּן מִיט פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע

"אֱמוּנָה אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע און שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ אִין דֶער לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ" - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בְּרֶסְלֶבֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַזוֹי וִוי עֶר זָאגְט אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק ב, סִימָן ה), אַז דֶער עִקַּר אִיז אֱמוּנָה, און אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג נָאכְקוּקְן וואו עֶר הַאלְט אִין דִי אֱמוּנָה, ווִיפִיל אִיז שׁוֹין דִי אֱמוּנָה בַּיי אִים אַיינְגֶעבַּאקְן אִין הַארְץ, און עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לַיידְן נֶעבֶעךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע קְרֶענְק וָואס דִי אַלֶע מַחֲלוֹת הָאבְּן זֵיי נָאר וֶועגְן עֶס פֶּעלְט זֵיי אֱמוּנָה; דִי וֶוערְטֶער שְׁפִּיגְלְט זִיךְ אָפּ דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע אוֹיף אַלֶע עֶרְלֵיי נֶערְוְון קְרֶענְק, וָואס כִּמְעַט יֶעדֶער לַיידְט הַיינְט צוּטָאגְס פוּן דֶעם, אֵיינֶער מֶער אֵיינֶער וֵוייניִגֶער, לְמָשָׁל, אֵיינֶער קוּקְט אִיבֶּער צוּ עֶר הָאט פַארְשְׁפַּארְט דִי טִיר, אַן אַנְדֶערֶער צוּ עֶר הָאט זִיךְ גוּט אָפְּגֶעוַואשְׁן דִי הֶענְט, אָדֶער צוּ עֶר הָאט פַארְמַאכְט דִי סֵפֶר, צוּ דִי סֵפֶר לִיגְט אוֹיפְן פְּלַאץ, און אַזוֹי זֶענֶען פַארְהַאנֶען מֶענְטְשְׁן וָואס טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּן יֶענֶעם, זֵייעֶר גַאנְצֶע קָאפּ אִיז פַארְנוּמֶען וִוי אַזוֹי קוּקְט מִיךְ אַ צְוֵוייטֶער אָן, וָואס וֶועט יֶענֶער טְרַאכְטְן פוּן מִיר און וָואס וֶועט יֶענֶער זָאגְן אוֹיף מִיר, אָדֶער פַארוָואס מוּז אִיךְ אָנְקוּמֶען צוּ יֶענֶעם, פַארְוָואס הָאט מֶען מִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְן אַזוֹיפִיל כָּבוֹד וִוי יֶענֶעם, און אַזוֹי אִיז דָא אָן אַ שִׁיעוּר בֵּיישְׁפִּילְן, זַאכְן וָואס עֶס דֶערְנֶערְוְוירְט אַ מֶענְטְשׁ, יֶעדֶע מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע זַאכְן

וָואס רֶעגְן אִים אוֹיף, וָואס בֶּאֱמֶת אִיז אַלֶעס רַחֲמָנָא לִצְלָן נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייטְן, אוּן דָאס קוּמְט נָאר וַוייל עֶס פֶעלְט דֶעם מֶענְטְש אֱמוּנָה.

אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְש הָאט אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֵייגְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרַיין אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, נָאר עֶר קֶען מִיךְ הֶעלְפְן, אוּן עֶר וֶועט מִיךְ זִיכֶער הֶעלְפְן, דֶעמָאלְטְס אִיז זַיין גַאנְצֶער לֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, עֶר לֶעבְּט אַ גֶעשְׁמַאקֶע גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן, אַ זִיס פֵיין לֶעבְּן, זַיינֶע נֶערְוְון זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג רוּאִיג אוּן אוֹיסְגֶערוּהט אַזוֹי ווִי נָאךְ אַ פֵיינֶעם שְׁלָאף (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לה), אָבֶער דִי רֶגַע אַז מֶען הָאט נִישְׁט דִי קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער וֶוערְט מֶען שׁוֹין אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן נֶערְוֶועז, אוּן דֶעמָאלְטְס הֵייבְּט מֶען אָן לַיידְן פַארשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי צָרוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כח, י): וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה; וֶוען אַ אִיד - וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן יַעֲקֹב - גֵייט אַרוֹיס פוּן "בְּאֵר שֶׁבַע" וָואס דָאס מֵיינְט אֱמוּנָה (עַיֵּין שַׁעֲרֵי אוֹרָה, שַׁעַר שְׁמִינִית, סְפִירָה הַשְּׁלִישִׁי), "וַיֵּלֶךְ חָרָנָה" גֵייט עֶר גְלַייךְ צוּם חֲרוֹן אַף רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶר וֶוערְט שׁוֹין אַ נֶערְוֶועזֶער אוּן אַ אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער מֶענְטְש, וָואס לֵיידֶער אִיז קֵיינֶער נִישְׁט רֵיין פוּן דֶעם.

## פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין גֶעלְט

טָאג אוּן נַאכְט הֶערְט מֶען ווִי מֶענְטְשְׁן קְרֶעכְצְן אוּן בַּאקְלָאגְן זִיךְ, "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט - וָואס וֶועט דָא זַיין", דִי גְרֶעסְטֶע עֲשִׁירִים וֵויינֶען אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג אַז דֶער מַצָּב אִיז יֶעצְט שְׁוֶוער... עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט יֶעצְט... פוּן וואוּ קוּמְט דָאס? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סח): אִין אֱמֶת'עֶן וָואלְט יֶעדֶער אִיד גֶעדַארְפְט הָאבְּן גֶענוּג גֶעלְט, וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבְּט פַאר יֶעדֶע נְשָׁמָה וָואס קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט גֶענוּג וִויפִיל עֶר דַארְף הָאבְּן פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אוֹיבּ אַזוֹי וואוּ קוּמְט אַהִין דִי גֶעלְט? פַארְוָואס טַאקֶע הָאט עֶר נִישְׁט קַיין

געלט?! נאר עס איז דא איין מדה וואס וועגן די מדה פארלירט א מענטש זיין געלט, און דאס איז כּעס! "עס איז נישט דא נאך אזאך וואס נעמט אזוי שטארק אוועק די געלט פון א מענטש אזוי ווי כּעס", דער פּסוק זאגט (איוב לז, כב): מִצָּפוֹן זָהָב יֶאֱתֶה - פון צפון זייט קומט די גאלד; ווידער זאגט די פּסוק (ירמיה א, יד): מִצָּפוֹן תִּפָּתַח הָרָעָה - פון צפון קומט די כּעס. ביידע זאכן קומען פון די זעלבע פּלאץ, און ווען א מענטש ווערט אויפגערעגט פארלירט ער די גאנצע געלט וואס מען האט אים יעצט געוואלט געבן פון הימל, פונדעסטוועגן ווען עס קומט אריין אין א מענטש א כּעס קען ער זיך בשום אופן נישט באהערשן, אפילו ער וויל זיך נישט אויפרעגן ווייל ער ווייסט אז דורכדעם גייט ער פארלירן זיין געלט, דאך איז די תאוה פון כּעס אזוי שטארק, אז ער קען זיך נישט צוריקהאלטן און ער מוז זיך רעגן; וויפיל מאל זעהט מען ווי א מענטש ווערט אויפגערעגט, ער נעמט זיך שרייען און פארפירן, מען קען אים נישט בארואיגן, אפילו מען זאגט אים אז די שכנים הערן ווי דו שרייסט, דאך העלפט נישט גארנישט, ער שרייט צוריק: זאל יעדער הערן, עס אינטערעסירט מיר נישט...! ווען א מענטש איז נערוועז קען ער אפילו נעמען זיין געלט און אוועקווארפן, וואס דאס איז רחמנא ליצלן אזוי ווי עבודה זרה (שבת קה ע"ב), אבער ער איז נישט בעל הבית אויף זיך, און דורכדעם פארלירט ער די גאנצע שפע וואס ער האט געדארפט באקומען; אבער פון וואו קומט אז א מענטש רעגט זיך? נאר ווייל עס פעלט אים אמונה! א מענטש וואס האט אמונה לעבט א גוטע און רואיגע לעבן, קיין שום זאך אין דער וועלט קען אים נישט אויפרעגן און אוועקרירן פון פּלאץ.

דערפאר האט דער הייליגער רבי זייער געוואלט אז מען זאל אסאך רעדן פון אמונה און נישט מיד ווערן, דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן סימן לג) אז ביי מענטשן איז אמונה א קליינינקייט אבער ביי מיר איז אמונה די גרעסטע זאך, און וואס מיינט אמונה? צו גלייבן אין באשעפער אן קיין חכמות אזוי ווי א אידעלע וואס גלייבט אין באשעפער אן קיין שום חכמות;

און ווען ער האט געהייסן פאר זיין גרויסן תלמיד דער הייליגער רבי נתן זכותו יגן עלינו ער זאל אנהייבן שרייבן חידושי תורה (אין יאר תקס"ה, עיין פעולת הצדיק סימן תקלב) האט ער אים געזאגט: יעדעס מאל ווען דו וועסט שרייבן פון אמונה אדער פונעם צדיק זאלסטו צושפרייטן די פעדער; ווען עס קומט צו שרייבן וועגן אמונה אינעם בורא כל עולמים דארף מען נישט קארגן קיין ווערטער נאר אסאך שרייבן פון דעם, די זעלבע זאך ווען עס קומט צו שרייבן וועגן אמונת חכמים דארף מען אויך שרייבן מיט א ברייטקייט, ווייל אן אמונת חכמים האט מען אינעם אייבערשטן אויך נישט קיין אמונה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שמות יד, לא): **ויאמינו בה' ובמשה עבדו**; פרעגט דער מכילתא (בשלח ו): אויב האבן זיי געגלייבט אין משה איז דאך זיכער אז זיי האבן געגלייבט אינעם אייבערשטן?! נאר דאס קומט מיר לערנען אז מען קען נישט האבן אמונה אינעם אייבערשטן נאר דורך א צדיק, און וויבאלד זיי האבן געגלייבט אין משה האבן זיי שוין געגלייבט אין באשעפער אויך.

דערפאר אויב גייסטו צו א מענטש וואס רעדט שטענדיג נאר פון אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן, ווייסטו אז דו ביסט מקורב צו אן אמת'ער ערליכער איד, אבער אויב שיינט ער נישט אין דיר אריין די קלארע אמונה אינעם אייבערשטן, דעמאלטס אפילו ער רעדט אלע מיני שיינע זאכן, ער זאגט די שענסטע פלפולים אין אלע סגיות פון ש"ס, אדער ער זאגט אלע מיני דרושים פון קבלה און יחודים, פעלט אבער דער עיקר - וואס דאס איז אמונה (שיחות הר"ן סימן לג), און ביים סוף האסטו גארנישט פון אים, ווייל דער עיקר איז נאר אמונה.

אמונה דארף זיין ביי א מענטש שטענדיג ניי און פריש, אזוי ווי דער פסוק זאגט (איכה ג, כג): **חדשים לבקרים רבה אמונתך**; דאס איז די פרישע נייעס פונעם טאג, א מענטש האט שטענדיג ליב צו הערן נייעס, ליינען נייעס, אבער ווער עס לייגט זיך אריין אין די אמונה לעבט ער יעדן טאג

מִיט אַ פְרִישְׁקַייט אִין דִי אֱמוּנָה, דָאס אִיז זַיין בֶּעסְטֶע נַייעֶס, אוּן דָאס אִיז זַיין גַאנְצֶע חַיוּת, בִּיז דִי אֱמוּנָה וֶוערְט בַּיי אִים אַזוֹי קְלָאר אַז עֶר זֶעהט אוּן עֶר שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כָאטְשִׁיג מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, אַזוֹי ווִי מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס לוֹפְּט אִיז אוּן ווִי אַזוֹי עֶס קוּקְט אוֹיס, דָאךְ אָטֶעמְט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג לוּפְט, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוער עֶס הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה שְׁפִּירְט קְלָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כָאטְשִׁיג עֶר קֶען דִיר עֶס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סב), חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג, ע"ב): אִין אָנְפַאנְג אִיז דִי שְׁכִינָה גֶעוֶוען מִיט יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער, אָבֶּער ווִיבַּאלְד מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט הָאט מֶען אַרוֹיפְגֶעשְׁטוּפְּט דִי שְׁכִינָה. וָואס מֵיינְט שְׁכִינָה? אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וואוֹינְט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט (עַיֵּין שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה א, ה), אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט זֶעהט אִים אוֹיס ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ עֶרְגֶעץ אִין הִימְל, אוּן אַזוֹי שְׁטוּפְּט עֶר אַוֶועק דִי שְׁכִינָה פוּן זִיךְ, אוּן כְּדֵי צוּרִיק אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי אֱמוּנָה, אִיז דִי עֵצָה עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן חַזֶר'ן וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה, דָאס וֶועט אִים צוּבִּיסְלֶעךְ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי אֱמוּנָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מד), אֱמֶת עֶס אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אַוֶועקְצוּשְׁטֶעלְן רֶעדְן צוּ זִיךְ אַלֵיין וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה, דֶערְפַאר אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה צוּ רֶעדְן מִיט אַנְדֶערֶע פוּן אֱמוּנָה, אַזוֹי וֶועט דִי וֶוערְטֶער צוּרִיקְשְׁפְּרִינְגֶען צוּ זִיךְ אַלֵיין, אוּן מֶען וֶועט זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אִין אֱמוּנָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קפד).

## ב.

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אָבֶּער אִין אֱמוּנָה אִיז אוֹיךְ דָא אַסַאךְ שְׁטַאפְּלֶען, דֶער שְׁלֵימוּת אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוּמֶען צוּ אַזַא לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער בִּיז עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אִים, בַּיי אִים, נֶעבְּן אִים, אוּן עֶר קֶען מִיט אִים רֶעדְן יֶעדֶע זַאךְ, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סב): אוֹיב וָואלְט אַ מֶענְטְשׁ גֶעהַאט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אַז

דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר ווִיבַּאלְד עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט אַזַא אֱמוּנָה הָאט עֶר נִישְׁט אַזַא גֶעפִיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

"אָטֶעמֶען" אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן אִין לֶעבְּן, ווִי נָאר אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען אִיז גֶעעֶנְדִיגְט מִיט זַיין לֶעבְּן, קֶענְסְט אִים גֶעבְּן שֵׁיינֶע הוֹיזְן, אַ הֶערְלִיכֶע רֶעקְל, אַ קוּטְשְׁמֶע, אַ שְׁטְרַיימְל, אַ סְפָּאדִיק אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶּער אוֹיבּ אָטֶעמְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט אִיז אַ שָׁאד דִי אַלֶע זַאכְן, יֶעצְט דַארְף מֶען אִים שׁוֹין נָאר גֶעבְּן תַּכְרִיכִים, אֲפִילוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַ מֶענְטְשׁ אִיז נֶעבֶּעךְ קְרַאנְק אוּן עֶר קֶען נִישְׁט גֶעהֶערִיג אָטֶעמֶען מוּז עֶר שׁוֹין אוֹיךְ נֶעמֶען אַקְסֶעדְשִׁין רַחֲמָנָא לִצְלָן, וַוייל אָן לוּפְט קֶען אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט לֶעבְּן, [דֶערְפַאר קֶען אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער נָאר פַארן אָטֶעמֶען אַלֵיין, אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה יד, ט): **עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה תְּהַלֵּל יָהּ** - אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אָטֶעם דַארְף מֶען לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט מִיט אִים, שְׁטֶענְדִיג רֶעדְט עֶר זִיךְ נָאר אָפּ, וֶוען עֶר זָאל זִיךְ אַבִּיסְל אוּמְקוּקְן וָואסְפַארַא צָרוֹת עֶס אִיז אַלֶץ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, מִיט וָואסְפַארַא מַחֲלוֹת מֶענְטְשְׁן פְּלָאגְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ, ווִיפִיל פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער וֶוערְן גֶעבּוֹירְן פֶּעלֶערְהַאפְטִיג וְכוּ' וְכוּ', וָואלְט עֶר שׁוֹין נָאר גֶעלוֹיבְּט אוּן גֶעדַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אִים].

קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ט), אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַזוֹי שְׁטַארְק זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער בִּיז זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אוּן זַיין גַאנְצֶע אָטֶעם זָאל נָאר זַיין תְּפִלָּה, אָן דֶעם קֶען עֶר בִּכְלָל נִישְׁט עֶקְזִיסְטִירְן, אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (קַאפִּיטְל מב, ט): **תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי**, מַיין גַאנְצֶע חַיּוּת בַּאקוּם אִיךְ דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דִי מַתָּנָה וֶועט גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל בַּאקוּמֶען פוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, מָשִׁיחַ וֶועט מַאכְן אַז יֶעדֶער זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ב), אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט): **כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'**; מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דֶער וֶועלְט אַזוֹי אָפֶען אוּן קְלָאר גֶעטְלִיכְקֵייט, אַז יֶעדֶער וֶועט שׁוֹין אַיינֶערְקֶענֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, מִמֵּילָא וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער נָאר רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אֲפִילוּ לְהַבְדִיל אַלֶע גוֹיִם וֶועלְן אוֹיךְ אָפְּלָאזְן זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקַייטְן אוּן מַכִּיר זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן בַּיי דִי תְּפִלָּה פוּן עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ: **לְתַקֵּן עוֹלָם בְּמַלְכוּת שַׁ-דַּ-י, וְכָל בְּנֵי בָשָׂר יִקְרְאוּ בִשְׁמֶךָ וְגוֹ'**; דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועט שׁוֹין נָאר רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר אַז דִי מוֹרָא'דִיגֶע זִיסֶע מַתָּנָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאבְּן מִיר שׁוֹין יֶעצְט בַּאקוּמֶען, אוּן וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל אוּן פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען עֶר שׁוֹין יֶעצְט לֶעבְּן אַזוֹי וִוי נָאךְ דִי גְאוּלָה...! דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רסו): פוּן מִיר בִּיז מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם חִילוּק, נָאר בַּיי מִיר אִיז נָאךְ דָא אַ בְּחִירָה אָבֶּער וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה (עַיֵּין בְּהַשְׁמָטוֹת בְּסוֹף הַסֵּפֶר); דֶעמָאלְטְס וֶועט יֶעדֶער וִויסְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן אוֹיסֶער אִים אִיז גָארְנִישְׁט דָא, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אִיז נָאר דָא אֵיין אַדְרֶעס וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן - צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

לַיידֶער פֶעלְט נִישְׁט קַיין צָרוֹת בַּיי אִידְן, אוּן וִויבַּאלְד דִי צָרוֹת דְרוּקְן זֵייעֶר בַּיים הַארְץ גֵייט מֶען צוּ אַ סֶעקְרֶעטֶערְיסְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן, פוּן דֶעם אִיז הַיינְט גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס, עֶס אִיז דָא סְפֶּעצִיעלֶע קְלַאסְן וואוּ מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי חָכְמָה, אַז מֶען דַארְף יֶענֶעם לָאזְן רֶעדְן וְכוּ', אָבֶּער בִּיז

יענער עפּענט זיך אויף און ער הייבט ענדליך אָן צו רעדן, לויפט שוין אויס די צייט פונעם אַפּוינטמענט, ער מוז שוין מאכן אַ פרישע אַפּוינטמענט און צאָלן נאָך אַפּאָר הונדערט דאָלער...! אָבער אַז אַ מענטש געוואוינט זיך צו צו רעדן צום בורא כל עולמים דאַרף ער שוין קיינעם נישט האָבן, ער גייט צום איבערשטן אַליין, צו אים רעדט ער זיך אַלעס אויס, עס קאָסט אים גאָרנישט קיין געלט, דערצו באַקומט ער אויך אַ זיכערע ישועה.

דעריבער איז ביים הייליגן רבי'ן געווען דער יסוד תמימות ופשיטות, און ער האָט געזאָגט (שיחות הר"ן סימן קנד): אַז ער איז נישט געקומען צו זיין זאַך נאָר ווייל ער איז געווען אַ פּראָסטאַק און ער האָט אַסאַך גערעדט צום באַשעפער פּראָסט און פּשוט, אויך נאָך הייליגע צדיקים תּלמידים פונעם גרויסן מגיד פון מעזריטש זכותו יגן עלינו האָבן אים געזאָגט, אַז זיי זענען נישט געקומען צו זייער מדריגה נאָר דורכן רעדן צום באַשעפער.

ווי באַקאַנט איז דער הייליגער רבי געבוירן געוואָרן אין די שטוב פון זיין זיידן דער בעל שם טוב הקדוש זכותו יגן עלינו און דאָרט איז ער אויפגעוואַקסן, און ווען די הייליגע תּלמידים פון בעל שם טוב און פונעם מגיד זכותם תּגן עלינו זענען געקומען צום ציון פון בעל שם הקדוש פלעגן זיי איינשטיין אינעם הויז פונעם בעל שם הקדוש, דאָרט האָבן זיי גערעדט פון זייער גרויסן רבי'ן דער בעל שם הקדוש, דער הייליגער רבי איז נאָך דאַן געווען אַ קליין קינד פון פונעף יאָר, אָבער ער האָט זיך גוט צוגעהערט צו די מעשיות וואָס זיי פאַרציילן, איינמאָל האָט ער געהערט פאַרציילן אַז ווען דער בעל שם הקדוש איז נאָך געווען אַ קינד פון פינעף יאָר איז שוין זיין טאַטע רבי אליעזר אַלט געווען הונדערט און פונעף יאָר, איין טאָג רופט ער זיין קליין קינד, ער זאָגט אים מיט דעם לשון: ישראל'יק! זאָלסט וויסן אַז איך גיי שוין אַוועק פון דער וועלט, דו זאָלסט פאַר קיינעם נישט מורא האָבן נאָר פאַרן בורא כל עולמים אַליין, און וואָס דו דאַרפסט האָבן

זאלסטו נאר אים בעטן. ווי ער ענדיגט זאגן די ווערטער זעהט ער ווי זיין טאטע מאכט צו די אויגן, ער פראבירט צו וועקן: טאטע טאטע! ער לויפט צו די שכנים פארציילן אז זיין טאטע שלאפט און רעדט נישט מער, ביז מען האט געזעהן אז ער איז שוין נעבעך אוועק מיט א מיתה נשיקה, אבער פארן קליין קינד האבן די לעצטע ווערטער גוט געקלינגען: ישראל'יק ישראל'יק! זאלסט פאר קיינעם נישט מורא האבן נאר פארן בורא כל עולמים אליין, און ווען דו וועסט דארפן עפעס האבן זאלסטו נאר אים בעטן. די צוואה איז ביי אים געווארן גוט איינגעקריצט אין הארץ, און ער האט שוין אנגעהויבן אזוי צו טוהן, יעדע זאך האט ער געבעטן דעם באשעפער, און אזוי איז ער אויסגעוואקסן דער בעל-שם-טוב הקדוש זכותו יגן עלינו.

ווי נאר דער הייליגער רבי האט געהערט די מעשה האט ער מער גארנישט געדארפט האבן, צו קיינעם מער נישט געדארפט גיין, ער האט שוין דעם שליסל צו ווערן א צדיק, און ער ווייסט שוין פונקטליך וואס ער האט צוטוהן [דער הייליגער רבי האט טאקע נישט געהאט קיין רבי, אנדערש ווי אלע צדיקים וואס האבן געהאט א רבי'ן וואס דער רבי האט אויך געהאט א רבי, אזוי האט זיך געצויגן די קייט אויף ארויף], דערפאר האט דער הייליגער רבי געזאגט אז עס איז א מורא'דיגע זאך צו ליינען מעשיות פון צדיקים און הערן מעשיות פון צדיקים, ווייל דאס ערוועקט מורא'דיג שטארק די הארץ צום אייבערשטן (לקוטי מוהר"ן חלק א, סימן רמח).

עס ווערט דערציילט אז דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו איז אמאל אריינגעקומען צום מלמד פון זיינע קינדער דער שינאווער רב און דער גארליצער רב זכותם יגן עלינו, א בליק טוהן וואס ער לערנט מיט זיי, פרעגט ער אים: וואס מאכט מיין יחזקאל'ע? מיין ברוכ'על? איר לערנט מיט זיי עפעס מוסר אויך? יא - ענטפערט דער מלמד. וואספארא מוסר? חובת הלבבות. זאגט דער הייליגער צאנזער רב: נישט דאס האב איך

גֶעמֵיינְט, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אִיר זָאלְט זַיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ אוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ - דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן מוּסָר...! וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים צִיהט דָאס דֶעם הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן מֶען ווִיל נָאכְמַאכְן דִי צַדִּיקִים.

אָבֶער אוֹיף תְּפִלָּה דַארְף מֶען הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ הִתְחַזְּקוּת נִישְׁט מִיד צוּ וֶוערְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן, חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת לב, ע״ב): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, זָאל עֶר בֶּעטְן נָאכְאַמָאל, אוּן אַז עֶר אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן זָאל עֶר בֶּעטְן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי זָאל עֶר בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן בִּיז עֶר וֶוערְט גֶעהָאלְפְן; אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף זֶעהט סוֹף כָּל סוֹף זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע יְשׁוּעָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא׳דִיג בַּאווָאוּנְדֶערְט וֶוער עֶס קֶען זָאגְן אַסַאךְ תְּפִלּוֹת, תְּחִינוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת פְּרָאסְט אוּן פָּשׁוּט, אַזוֹי ווִי מִיר הָאבְּן גֶעזֶעהן בַּיי דִי אַלְטֶע בַּאבֶּעס וָואס הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אָן קַיין חָכְמוֹת (עַיֵּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן קד; חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תקכ), אוּן דָאס הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן אִיד.

מֶען זֶעהט טַאקֶע אַז אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר וֶוען מֶען אִיז מַמְלִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶעדֶער אִיד בַּאקוּמְט אַ שְׁטֶערְקֶערֶע אֱמוּנָה, אִיז גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל מֶער פַארְנוּמֶען צוּ זָאגְן פַארְשִׁידֶענֶע תְּפִלּוֹת, סְפֶּעצִיעֶל זָאגְט מֶען דֶעמָאלְטְס דִי מוֹרָא׳דִיגֶע תְּפִלָּה פוּן "אָבִינוּ מַלְכֵּינוּ", וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען (עַיֵּן גְּמָרָא תַּעֲנִית כה ע״ב; וּבְשֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תקסו). ווִי מֶען בֶּעט זִיךְ ווִי אַ קִינְד צוּם טַאטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: אָבִינוּ מַלְכֵּינוּ - דוּ בִּיסְט מַיין טַאטֶע אוּן דוּ בִּיסְט מַיין קֵייזֶער; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ הֵייבְּט מֶען אָן "חָטָאנוּ לְפָנֶיךָ" - אִיךְ זָאג דִיר טַאטֶע טֵייעֶרֶער דֶעם אֱמֶת אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט! יֶעצְט הֵייבּ אִיךְ אָן צוּ בֶּעטְן: אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ אֵין לָנוּ מֶלֶךְ אֶלָּא

אָתָּה - איך האָב נישט קיינעם נאָר דיר טאַטע! און פונקט ווי אַ טאַטע האָט רחמנות אויף זיין קינד אפילו ווי שלעכט ער זאָל נאָר נישט זיין און וואס ער זאָל נאָר נישט האָבן אָפּגעטון, די זעלבע זאַך בעטן מיר זיך דו זאָלסט אויף אונז רחמנות האָבן, כאָטש מיר האָבן געטוהן וואס מיר האָבן געטוהן, ווייל מיר האָבן נישט קיינעם נאָר דיר טאַטע אַליין. נאָכדעם קען מען שוין בעטן אַ גאַנצע ליסטע פון אַלע מיני ישועות איינס נאָכן אַנדערן, ווייל אַז מען פאַרלאָזט זיך נישט אויף קיינעם נאָר אויפן אייבערשטן קען מען זייער שיין פועל'ן וואס מען דאַרף נאָר.

דאָס זעען מיר אויך ביי חנה די ווייב פון אלקנה, זי האָט נישט געהאַט קיין קינדער, און אויב איז דאָס נישט גענוג האָט פנינה - די צווייטע ווייב פון אלקנה, זיך שטענדיג גערייצט מיט איר, פנינה האָט געהאַט צען קינדער, און ווען זי האָט געקויפט שיך פאַר זיי, האָט זי געזאָגט פאַר חנה: נו - וואס זאָגסטו צו די שיינע שיכעלעך? אַז זי האָט געקויפט נייע הויזן אָדער קליידלעך פאַר די קינדער האָט זי אויך געוויזן פאַר חנה: זעהסט די הויזעלעך וואס איך האָב געקויפט פאַר די קינדער! זעהסט די שיינע קליידלעך וואס איך האָב געקויפט! דאָס איז די ערגסטע ווייטאָג זיך צו רייצן מיט איינער וואס האָט נישט קיין קינדער [אין די גמרא (בבא בתרא טז ע"א) ווערט טאַקע געברענגט אַז פנינה האָט אינזין געהאַט לשם שמים, כדי חנה זאָל נישט אויפגעבן און לויפן צום באַשעפער זיך אויסוויינען], חנה איז אָבער נישט געוואָרן פאַרלוירן, זי איז געווען זייער שטאַרק אין תפלה, זי איז געגאַנגען אין משכן דאָרט האָט זי געבעטן דעם באַשעפער אָן אויפהער אַז זי וויל האָבן אַ קינד, און זי האָט אויסגעשמועסט מיטן אייבערשטן פונקטליך וואספאַרא קינד זי דאַרף, אַ קינד וואס זאָל זיין נישט צו הויך און נישט צו נידריג, נישט קיין שוואַרצער און נישט קיין רויטער, נישט צו קליג און אויך נישט קיין נאַר, אַזוי האָט זי זיך באַשטעלט ביים באַשעפער פונקטליך וואס זי וויל (עיין ברכות לא ע"ב), און ביים סוף האָט זי טאַקע גע'פועל'ט אַ מוראַ'דיגע ישועה, זי האָט זוכה געווען צו שמואל

הַנָּבִיא, און דַוְקָא פון חַנָּה לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַלֶע הַלָכוֹת פון תְּפִילָה (בְּרָכוֹת לא ע״א), חֲזַ״ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת לא ע״א): **״וְהָיָה כִּי הִרְבְּתָה לְהִתְפַּלֵּל״ – מִכָּאן, שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה בִּתְפִלָּה נַעֲנֶה**; פון חַנָּה לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז ווער עֶס בֶּעהט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווערְט גֶעהָאלְפְן.

## ג.

## פַארְלָאז דִיךְ נִישְׁט אוֹיף קַיין מֶענְטְשְׁן

פַארְקֶערְט אוֹיב מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוְוענֶען (תְּהִלִּים קמו, ג): **אַל תִּבְטְחוּ בִנְדִיבִים בְּבֶן אָדָם שֶׁאֵין לוֹ תְשׁוּעָה** – פַארְלָאז דִיךְ נִישְׁט אוֹיף קַיין מֶענְטְשׁ, ווַייל עֶר קֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט הֶעלְפְן – ווִי אַזוֹי ווֶעט עֶר דִיךְ הֶעלְפְן?! און דָאס מוּז אַ מֶענְטְשׁ גוּט אַרַיינְלֵייגְן אִין זִיךְ, ״קֵיינֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער״, דִי מִינוּט ווָאס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז יֶענֶער ווֶעט מִיךְ הֶעלְפְן אִיז עֶר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת.

עֶס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין נָאךְ צְדָקָה, פַארְקֶערְט, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז מֶען אִיז מְזַכֶּה מֶענְטְשְׁן צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, דָאס אִיז מְקָרֵב דִי גְאוּלָה (בָּבָא בַּתְרָא דַף י׳ ע״א). ווֶען אַ אִיד הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַן אַנְדֶערְן הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אִים אוֹיךְ רַחְמָנוּת (שַׁבָּת קנא ע״ב), ווַייל ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ דָא אוּנְטְן אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ מִיט אִים פון אוֹיבְן, דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעטַייטְשְׁט (תְּהִלִּים קכא, ה): ה׳ צִלְּךָ – דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז כִּבְיָכוֹל פַאר אַ מֶענְטְשׁ ווִי אַ שָׁאטְן, ווָאס דֶער מֶענְטְשׁ טוּט אַזוֹי טוּט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ. דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוֹיךְ אַמָאל גֶעטַייטְשְׁט דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת פֶּרֶק ב, א): ״דַּע מַה לְּמַעְלָה״ – אוֹיבּ ווִילְסְטוּ ווִיסְן ווָאס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיבְן? ״מִמְּךָ״ – קוּק ווָאס דוּ טוּסְט. ווֶען אַ אִיד הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַ

צְווייטְן און עֶר הֶעלְפְט אַ צְווייטְן, הֶעלְפְט מֶען אִים פון הִימְל, דֶערִיבֶּער אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז מֶען גֵייט נָאךְ צְדָקָה און מֶען הֶעלְפְט אַרוֹיס אִידְן, דָאךְ דַארְף מֶען אָבֶּער שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן אַז נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּט דִיר גֶעלְט, נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבְּט דִיר, וֶוער עֶס גֶעבְּט צְדָקָה דַארְף אוֹיךְ וִויסְן, אַז נִישְׁט אִיךְ גֶעבּ מַיין גֶעלְט נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן גֶעלְט כְּדֵי אִיךְ זָאל דָאס גֶעבְּן וַוייטֶער.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד פון אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ רֶבִּי מֹשֶׁה גְלִידְמַאן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה [אַ שְׁוָואגֶער מִיט הרה״ח רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶר זַצַ״ל, עֶר הָאט סוֹף יָמָיו גֶעוואוֹינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען הָאט אִים גֶערוּפֶען רֶבִּי מֹשֶׁה טְשֶׁענְסְטְחוֹבֶער נָאכְן שְׁטָאט פון וואו עֶר אִיז גֶעקוּמֶען], זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען עֶר אִיז גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אַ גַאנְצֶע וָואךְ, גֶעלֶערְנְט און גֶעדַאוֶונְט און גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר יֶעדְן דָאנֶערְשְׁטָאג פְלֶעגְט עֶר אַרוּמְגֵיין נָאךְ גֶעלְט בַּיי דִי הוֹיפְּט גַאס פון יְרוּשָׁלַיִם [רְחוֹב יָפוֹ] פון אֵיין גֶעשֶׁעפְט צוּם צְווייטְן, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פון אוּנְטְן בַּיים עֶרְשְׁטְן נוּמֶער און אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען קוֹדֶם אוֹיף אֵיין גַאנְצֶע זַייט, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט גַאס, און עֶר פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן: אִידְן, גֶעבְּט לְכָבוֹד שַׁבָּת! גֶעבְּט לְכָבוֹד שַׁבָּת! און מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן אַרַיינְוַוארְפְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט גֶענוּג אוֹיף שַׁבָּת, און עֶס אִיז אִים נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן צוּ פַארְטֵיילְן פַאר נָאךְ אָרִימֶעלַייט וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט אוֹיף שַׁבָּת, אָבֶּער אַלְץ אִיז אוֹיךְ דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נֶעבֶּעךְ אַ פַארְשְׁטֵיינֶערְטֶע הַארְץ און גֶעבְּן נִישְׁט קַיין צְדָקָה, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מִיט אַ תֵּירוּץ אִין דֶער זַייט ״זָאל יֶענֶער גֵיין אַרְבֶּעטְן״ אָדֶער דָאס גְלַייכְן, אַזוֹי הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע צַדִיקִים... אֵיינֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט מַמָּשׁ אַ פַארְבִּיסֶענֶער וָואס יֶעדֶע מָאל עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים נָאךְ גֶעלְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט אַ קַאלְטְקַייט: גֵיי אַרְבֶּעטְן! רֶבִּי מֹשֶׁה הָאט זִיךְ אָבֶּער בִּכְלַל נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אָדֶער בַּאלֵיידִיגְט, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט: יִישַׁר כֹּחַ, דוּ בִּיסְט נִישְׁט מַיין פָאסְט טְרֶעגֶער!

איינמאל זאגט אים יענער: איך גיב דיר א שילינג [דעמאלטסדיגע געלט], נאר זיי מיר מסביר וואס דו זאגסט מיר שטענדיג אז דו ביסט נישט מיין פאסט טרעגער?! ערקלערט ער אים, אין אמת'ען שיקט דער באשעפער פאר יעדן מענטש געננוג וויפיל ער דארף האבן ביז זיין שטוב אריין, נאר וויבאלד ער האט געזינדיגט שפרייט דער באשעפער אויס זיין געלט איבעראל, און ער מוז עס גיין צאמנעמען, ווען איך וואלט נישט געזינדיגט - ענדיגט ער אים מסביר זיין - וואלט מיר די געלט אנגעקומען אין שטוב אריין און איך וואלט גארנישט געדארפט ארומגיין, נאר וויבאלד איך האב געזינדיגט האט דאס דער באשעפער צושפרייט איבעראל, און איך דארף גיין זאמלען איבער די געשעפטן און איבער די הייזער, און וואו עס איז דא עפעס וואס איז שייך פאר מיר גיבט מען מיר, אבער אז דו גיבסט מיר נישט איז א סימן אז ביי דיר איז נישטא געלט וואס איז שייך פאר מיר, עס איז פונקט ווי איינער וועט גיין צום פאסט טרעגער פון אן אנדערע גאס און אים אנשרייען: וואו איז מיין פאסט? פארוואס גיבסטו מיר נישט מיין פאסט? וועט ער אים גלייך פרעגן וואו ער וואוינט, און אז ער וואוינט גאר ערגעץ אנדערש, וועט ער אים זאגן: וואס האב איך מיט דיר? איך האב בכלל נישט דיין פאסט, גיי צו די פאסט מענטש פון דיין גאס. די זעלבע זאך אז איינער וויל מיר נישט געבן האב איך נישט קיין טענות צו אים, מסתמא איז ער נישט מיין פאסט טרעגער, דעריבער זאג איך אים יש'כח - גוט אז ער האט מיר דאס געמאלדן.

ביי די מן געפונען מיר אויך, ווער עס האט געהאט א שטארקע אמונה איז אים דאס אנגעקומען ביז צו די טיר, ער האט קיין ערגעץ נישט געדארפט גיין, אז איינער האט נישט געהאט אזא שטארקע אמונה האט ער שוין געדארפט אביסל אוועק גיין פון שטוב, אז איינער האט געהאט נאך ווייניגער אמונה האט ער שוין געדארפט גיין נאך ווייטער, אלץ לויט די אמונה וואס מען האט געהאט (יומא עה ע"א), אזוי אויך אז איינער האט זיך אנגעזאמעלט גאנצע זעק מיט מן, ער האט געבעטן די ווייב מיט די

קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אִים הֶעלְפְן שְׁלֶעפְּן אַסַאךְ זֶעק, מֵיינֶענְדִיג אַז אַזוֹי וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אִיבֶּער גֶענוּג אוּן נָאךְ קֶענֶען אַוֶועקְלֶייגְן, אָבֶּער עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים הָאט עֶר גֶעהַאט פּוּנְקְטְלִיךְ וִויפִיל עֶר דַארְף הָאבְּן צוּ עֶסְן, דִי אִיבְּרִיגֶע הָאט זִיךְ צוּלָאזְט אוּן צוּגַאנְגֶען, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פַּארְקֶערְט אֲפִילוּ אוֹיב אֵיינֶער הָאט גֶעקְלִיבְּן וֵוויינִיגֶער וִויפִיל עֶר דַארְף, דָאךְ הָאט עֶר גֶעהַאט פּוּנְקְטְלִיךְ וִויפִיל עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן (שְׁמוֹת טז, יח).

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהַאט אַן הַכְנָסַת אוֹרְחִים וואוּ יֶעדֶער הָאט גֶעקֶענְט עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן, הָאט מִיר אַמָאל אֵיינֶער פוּן דִי מְשׁוּלָחִים דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה: עֶר הָאט גֶעהַאט אַן עֶרְנְסְטֶע צָרָה אִין שְׁטוּבּ, וָואס עֶס הָאט אִים גֶעקָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט פַּאר דָאקְטוֹירִים, קַיין אִינְשׁוּרֶענְס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעמוּזְט אַרוּמְגֵיין נָאךְ גֶעלְט, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אֵיינֶעם פְלֶעגְט עֶר זִיךְ צוּ וֵויינֶען אוּן פַּארְצֵיילְט זַיין מוֹרָא'דִיגֶע צָרָה, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן פְּרָאבִּירְט צוּ הֶעלְפְן מִיט וִויפִיל מֶען הָאט גֶעקֶענְט, אֵיינְמָאל קוּמְט עֶר אַרַיין צוּ גָאר אַ גְרוֹיסְן גְּבִיר, עֶר פַּארְצֵיילְט אִים זַיין צָרָה אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ וֵויינֶען מִיט בִּיטֶערֶע טְרֶערְן, הָאפֶענְדִיג אַז עֶס וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען יֶענֶעמְס הַארְץ אוּן עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין מִיט אַ שֵׁיינֶע נְדָבָה, אָבֶּער וִויבַּאלְד אַלֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען מְשֻׁגָּעִים (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן סד), אִיז דֶער עוֹשֶׁר אוֹיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעפַאלְן דֶערְפוּן, עֶר זִיצְט זִיךְ אַזוֹי בַּיי זַיין שֵׁיינֶעם דֵיינוּנְג-רוּם טִישׁ, אוּן זָאגְט אִים מִיט אַ קַאלְטְקַייט: אִיךְ וֶוער גָארְנִישְׁט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דַיינֶע טְרֶערְן - מַיין טִישׁ הָאט שׁוֹין אַסַאךְ טְרֶערְן גֶעזֶעהְן! הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַּאר דֶעם צוּבְּרָאכֶענֶעם מְשׁוּלָח: זֶעהְסְט, פוּן הִימְל הָאט מֶען דִיר גֶעוָואלְט וַוייזְן אַז "שָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם", אוֹיף קַיין מֶענְטְשׁ טָאר מֶען זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלָאזְן.

אָבֶּער וָואס מִיר דַארְפְן יָא וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקְן אִיז, אַז וֶוען עֶס קוּמְט אַן אָרִימַאן בַּיי דִי טִיר זָאל מֶען אִים שְׁטֶענְדִיג עֶפֶּעס גֶעבְּן, נִישְׁט אַרוֹיסְלָאזְן

קַיין אָרימַאן פון די טִיר אָן גָארנִישְׁט, פַארקֶערְט, זָאג אִים נָאך צו אַ גוּט וָוארְט, אַז וֶוען אִיך קֶען - וָואלְט אִיך דִיר אַלֶעס אויסְגֶעצָאלְט וְכוּ׳, און בֶּעהט אִים אַ בְּרָכָה, וַוייל מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן וֶוען און וואו אִיז די אֱמֶת׳ע צְדָקָה, חֲזַ״ל זָאגְן (זֹהַר וַיֵּרָא דַּף קד ע״א): וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיב שִׁיקְט עֶר אִים אַן אָרימַאן כְּדֵי אִים צו קֶענֶען גֶעבְּן צְדָקָה. און דו קֶענְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן וֶוער דֶער אָרימַאן אִיז און וָואס דו וֶועסְט זוֹכֶה זַיין דורְך זַיין בְּרָכָה, דֶערְפַאר אַז אֵיינֶער קְלַאפְּט אויפְן טִיר נָאך צְדָקָה זָאלְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיך אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיך יֶעצְט מְזַכֶּה גֶעוֶוען צו הֶעלְפְן אַן אָרימַאן, און אַוַודַאי זָאלְסְטוּ נִישְׁט שִׁיקְן דַיין קִינְד זָאגְן חַס וְשָׁלוֹם אַז די טַאטֶע אָדֶער די מַאמֶע זֶענֶען נִישְׁט אִינֶדערְהֵיים, אַ אִיד טָאר נִישְׁט אַזוֹי רֶעדְן, וַוייל מִיט די וֶוערְטֶער טְרַייבְּסְטוּ רַחֲמָנָא לִצְלַן אַוֶועק פון דֶעם שְׁטוּב דֶעם טַאטֶען אָדֶער מַאמֶען, און דָא וֶועט קַיין טַאטֶע נִישְׁט זַיין אָדֶער קַיין מַאמֶע נִישְׁט זַיין דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל אָפְּהִיטְן, נָאר גֶעבּ אִים אֲפִילוּ אַ קְלֵיינִיקַייט און לֵייג אִים צו אַפָּאר גוּטֶע וֶוערְטֶער, מִיט דֶעם בִּיסְטוּ אִים מַמָּשׁ מְחַיֶה, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָה לב, יז): וְהָיָה מַעֲשֵׂה הַצְּדָקָה שָׁלוֹם - וֶוען מֶען גִיט צְדָקָה מַאכְט מֶען שָׁלוֹם (עַיֵּן מִדְרָשׁ שִׁיר הַשִּׁירִים זוּטָא, פַּרְשָׁה א). וַוייל אַ אָרימַאן וֵויינְט שְׁטֶענְדִיג צוּם בַּאשֶׁעפֶער: פַארְוָואס בִּין אִיך אַנְדֶערְשׁ פון יֶענֶעם? יֶענֶער זִיצְט זִיך אַזוֹי בַּאקְוֶועם אויפְן קָאטְשׁ אִין אַ שֵׁיינֶע דַיינוּנְג רוּם מִיט אַ הֶערְלִיכְן טְשִׁילַאר אִינֶדערְמִיט, און עֶס פֶעלְט אִים גָארנִישְׁט, און אִיך מוּז זִיך נֶעבֶּעך אַרוּמְשְׁלֶעפְּן שַׁאפְן אַבִּיסְל גֶעלְט, וַוייל דֶער גְרָאסֶערִי ווִיל מִיר מֶער נִישְׁט פַארְקוֹיפְן, דֶער בּוּטְשֶׁער ווִיל מִיר מֶער נִישְׁט פַארְקוֹיפְן, אִיך הָאבּ נִישְׁט קַיין שְׂכַר לִימוּד צו בַּאצָאלְן און מֶען שִׁיקְט מִיר אַהֵיים די קִינְדֶער פון מוֹסָד וְכוּ׳, פַארְוָואס אִיז מַיין בְּלוּט אַנְדֶערְשׁ פון יֶענֶעם?! אָבֶּער וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט אִים צְדָקָה, נָאכְדֶערְצוּ אַז עֶר זָאגְט אִים אויך אַפָּאר וַוארִימֶע וֶוערְטֶער, וֶוערְט זַיין הַארְץ דֶערְבְּרֵייטֶערְט און עֶר בֶּעט גְלַייך אִיבֶּער דֶעם בַּאשֶׁעפֶער: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיך הָאבּ גֶעהַאט צו דִיר טַעֲנוֹת, און אַז עֶס הָאט זִיך מִיר

אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעדַארְפְט זָאגְן, אִיךְ גְלֵייבּ אַז וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר אִיז רִיכְטִיג אוּן מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן. אוּן אַזוֹי בֶּעט עֶר אִיבֶּער דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶר מַאכְט שָׁלוֹם מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער.

אָבֶּער צוּ קֶענֶען לֶעבְּן מִיט אַזַא זִיכֶערְקַייט אוּן רוּאִיגְקֵייט, אַז אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף בֶּעהט אִיךְ נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט עֶס מִיר גֶעבְּן, צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַ מוֹרָא'דִיגֶע אֱמוּנָה, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, אוּן נִישְׁט אוּמְזִינְסְט בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (וַיוֹאֶל מֹשֶׁה מַאֲמָר ב, סִימָן קנ; עַל הַגְאוּלָה וְעַל הַתְּמוּרָה סִימָן פו) אַז נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶערֶעדְט פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת. וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין צַדִיק וָואס הָאט גֶעזָאגְט אַזוֹי אָפֶען אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט דִי אֱמוּנָה זַיין אַזוֹי שְׁוַואךְ אַז מֶען וֶועט נָאר זֶעהְן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן לה; רכ), וִוי מֶען זֶעהט הַיינְט בְּחוּשׁ אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועט פוּן אַלֶעם רֶעדְן נָאר נִישְׁט פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

## ד.

## לָאז דִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְרֶעדְן

דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט פוּן אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אִיז אוֹיךְ נָאר גֶעוֶוען אַרֵיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אַז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן (זְמִירוֹת לְמוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ): **אִישׁ סָחוּ אַחֲרָיו ה' הוּא הָאֱלֹקִים.** דָאס אִיז אִים אָבֶּער בִּכְלָל נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אַזוֹי לַייכְט, אֵלִיָהוּ הַנָבִיא הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע מִלְחָמָה מִיט דִי עוֹבְדֵי הַבַּעַל, וָואס זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶענַארְט מֶענְטְשְׁן מִיט אַלֶע מִינֵי פַאלְשֶׁע אַיינְרֶעדֶענִישְׁן צוּ דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה כְּדֵי מֶען זָאל פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אֵלִיָהוּ הַנָבִיא הָאט זִיךְ פוּן גָארְנִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מוֹרָא'דִיג אָפֶען, בִּיז יֶעדֶער הָאט גֶעשְׁרִיגְן (מְלָכִים-א יח, לט): **ה' הוּא הָאֱלֹקִים!** אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶעהְן צְוֶועלֶעף דוֹרוֹת

וָואס הָאבְּן אויךְ גֶערֶעדְט אָפֶּען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און גֶעזָאגְט "ה' הוּא הָאֱלֹקִים", און דֶער כֹּחַ וָואס אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶעמָאלְטְס אַרֵיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי וֶועלְט צִיהט זִיךְ בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג.

אָבֶּער נִישְׁט נָאר אִין יֶענֶע צֵייטְן זֶענֶען גֶעוֶוען עוֹבְדֵי הַבַּעַל וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט אַרְבֶּעטְן אויף מֶענְטְשְׁן זֵיי אָפְּצוּרַייסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, נָאר לֵיידֶער אִין יֶעדְן דוֹר אִיז דָא דִי זֶעלְבֶּע עוֹבְדֵי הַבַּעַל וָואס רַייסְן אָפּ מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַלֶע מִינֵי טְרִיקְס, און דֶער אֱמֶת'ֶער צַדִּיק הָאט גָאר אַ שְׁוֶוערֶע מִלְחָמָה מִיט זֵיי, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט (לִקוּטֵי הֲלָכוֹת רִבִּית הֲלָכָה ה, אוֹת א) : דִי גְרֶעסְטֶע חִידוּשׁ און מוֹפֵת אִיז צוּ הֶעלְפְן אַ בַּעַל בְּחִירָה ! עֶס אִיז אַסַאךְ גְרִינְגֶער צוּ בַּאוַוייזְן אַ מוֹפֵת אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז קְרַאנְק זָאל גֶעזוּנְט וֶוערְן, מֶען קוּמְט זִיךְ מַזְכִּיר זַיין בַּיים צַדִּיק, דֶער צַדִּיק ווינְטְשְׁט אָן און עֶר אִיז מִתְפַּלֵּל צוּם בַּאשֶׁעפֶער, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז זַיינֶע תְּפִלּוֹת וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען און דֶער קְרַאנְקֶער וֶוערְט גֶעזוּנְט, [און גֶעוֶוענְטְלִיךְ פַארְגֶעסְט דֶער מֶענְטְשׁ נָאכְדֶעם אֲפִילוּ דִי יְשׁוּעָה וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען בַּיים צַדִּיק], דָאס אִיז אָבֶּער וַוייט נִישְׁט פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכְן בַּיי אַ אֱמֶת'ֶען צַדִּיק, וָואס יָא ? צוּ הֶעלְפְן אַ מֶענְטְשׁ און טוּישְׁן זַיין בְּחִירָה - דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט פַאר אַ צַדִּיק, נֶעמֶען אֵיינֶעם וָואס הָאט בִּיז יֶעצְט גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט, אִים עֶפֶענֶען זַיין מֹחַ אַז עֶר זָאל אויךְ אַיינְזֶעהן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אויף דֶער וֶועלְט, בִּיז עֶר טְרַאכְט שׁוֹין אויךְ אַז עֶר קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אויךְ אִים אויסְלֶערְנֶען צוּבִּיסְלֶעךְ אַז עֶס אִיז דָא אַ שֵׁיינֶע תּוֹרָה וָואס מֶען קֶען לֶערְנֶען, דֶער צַדִּיק וַוייזְט אִים אַז עֶר קֶען אויךְ לֶערְנֶען חוּמָשׁ, בִּיז עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ, דֶערְנָאךְ אַז עֶר קֶען אויךְ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת בִּיז עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, נָאכְדֶעם גְּמָרָא, רַמְבַּ"ם, טוּר, בֵּית יוֹסֵף, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, בִּיז צוּבִּיסְלֶעךְ טוּישְׁט זִיךְ אִינְגַאנְצְן זַיין מֹחַ, דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע אַרְבֶּעט פַאר אַ צַדִּיק.

פַארְוָואס אִיז דָאס טַאקֶע אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ בַּאוַוייזְן? וַוייל אֵייבִּיג זֶענֶען דָא לֵצִים וָואס רֶעדְן אָפּ, וָואס דָאס ווִירְקְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְן מֶענְטְש, דָא הָאט אִים דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי מְחַזֵק גֶעוֶועְן אַז עֶר הָאט מַמָש בַּאקוּמֶען אַ נַייעֶ לֶעבְּן, אָבֶּער ווִי נָאר עֶר גֵייט אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן אוּן אֵיינֶער מַאכְט חוֹזֵק פוּן אִים וֶוערְט עֶר גְלַייךְ צוּפַאלְן, עֶר וֶוערְט שׁוֹין אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן יֶענֶעמְס וֶוערְטֶער, אַז יֶענֶער זָאגְט אַז דֶער וֶועג הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וְכוּ׳, הֶערְט עֶר טַאקֶע אוֹיף צוּ לֶערְנֶען, צוּלִיבּ יֶענֶעם הָאט עֶר פַארְמַאכְט דִי חוּמָשׁ, פַארְמַאכְט דִי מִשְׁנַיוֹת, פַארְמַאכְט דִי גְמָרָא, אוּן בִּיז דֶערְוַוייל גֵייט אַוֶועק אַסַאךְ אַסַאךְ יָארְן מִיט גָארְנִישְׁט אוּן נִישְׁט (עַיֵין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת מַעֲשֶׂה א), בִּשְׁעַת וָואס הָאסְטוּ מִיט יֶענֶעם, פַארְוָואס הֶערְסְטוּ זִיךְ בִּכְלָל צוּ צוּ יֶענֶעם? פַארְוָואס קוּקְסְטוּ נִישְׁט אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה?! אָבֶּער אַזוֹי גֵייט עֶס - אוּן אַזוֹי זֶענֶען מֶענְטְשְׁן, וֶועגְן דֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַשַׁחַר הַלָכָה ה, אוֹת מו; חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן קצז) אַז הֶעלְפְן אַ מֶענְטְשׁ אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ אָבֶּער דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ.

## ה.

## הֵייבּ אָן הַנָאָה צוּ הָאבְּן דָארְט וואוּ דוּ בִּיסְט

וַיִפְגַע בַּמָקוֹם וְגוֹ׳ (בְּרֵאשִׁית כח, יא). ״אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלוֹירְן״, אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אִין בַּאשֶׁעפֶער פִילְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט ״אַרוֹיס פוּן פְּלַאץ״, אַ אִיד וואוּ עֶר קוּמְט אָן גֶעפוּנְט עֶר זִיךְ דָאס פְּלַאץ, פַארְוָואס? וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא אִיז אַלֶעס אִין פְּלַאץ. זֵייעֶר אָפְט הֶערְט מֶען פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס אַרְבֶּעטְן בַּיי יֶענֶעם זִיךְ בַּאקְלָאגְן: פַארְוָואס בִּין אִיךְ דָא אָנְגֶעקוּמֶען? פַארְוָואס דַארְף אִיךְ אַרְבֶּעטְן בַּיי יֶענֶעם ווִי אַ שְׁקְלַאף? אַרְבֶּעטֶערְס וֶוערְן מוֹרָא׳דִיג צוּפַאלְן פוּן זֵייעֶר אַרְבֶּעטְס פְּלַאץ, סְפֶּעצִיעֶל אוֹיבּ דֶער בַּעַל-הַבַּיִת גֵייט זִיךְ אוּם מִיט זֵיי אָן אַ טְרָאפְּל רַחְמָנוּת, עֶר מֵיינְט טַאקֶע אַז זַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס זֶענֶען זַיינֶע

קְנֶעכְט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז מָארְגְן קֶען זִיךְ דִי רֶעדְל גֶעבְּן אַ דְרֵיי אִיבֶּער, עֶר וֶועט וֶוערְן אַ יוֹרֵד אוּן דֶער אַרְבֶּעטֶער וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אוּן אַרוּיפְגֵיין, אוּן עֶר וֶועט נָאךְ מוּזְן אַרְבֶּעטְן בַּיי יֶענֶעם, אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס וַוארְפְּסְטוּ זִיךְ אַזוֹי מִיט דַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס?! חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא פג ע"א): וֶוען אֵיינֶער שְׁלָאגְט פָּאר צוּ גֶעבְּן עֶסְן פַאר זַיינֶע אִידִישֶׁע אַרְבֶּעטֶערְס, אִיז זֵיי נִישְׁט גֶענוּג צוּ גֶעבְּן אֲפִילוּ אַזַא גְרוֹיסֶע סְעוּדָה וְוִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ; אָבֶּער עֶס טְרֶעפְט זִיךְ בַּעֲלֵי-בָּתִּים וָואס הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט קַיין מִדּוֹת, אוּן דֶערְנִידֶערְן מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק זֵייעֶרֶע אַרְבֶּעטֶערְס, דֶערִיבֶּער דַארְף אַ אַרְבֶּעטֶער זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין, אוּן וִויסְן אַז דִי פְּלַאץ וואוּ עֶר אַרְבֶּעט אוּן וֶועלְכֶע סָארְט אַרְבֶּעט עֶר הָאט, אַלֶעס הָאט מֶען פוּנְקְטְלִיךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אִין הִימְל, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן נָאר דָארְט טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (עַיֵּן פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר קְרִיאַת שְׁמַע, פֶּרֶק יט: שֵׁם הֲוַיָ"ה בְּהַכָּאָה - י' פְּעָמִים י', ה' פְּעָמִים ה', ו' פְּעָמִים ו' וְכוּ' - עוֹלֶה מָקוֹם; וּפֵרוּשׁוֹ, כִּי בְּכָל מָקוֹם יְכוֹלִים לִמְצוֹא הַקָּבָּ"ה).

## אָרִימְקֵייט אוּן רַייכְקֵייט אִיז אִין קָאפּ

בְּאֶמֶת וֶוענְדְט זִיךְ דָאס אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין, אַ מֶענְטְשׁ קֶען מַאכְן זַיין אַרְבֶּעט זָאל זַיין וְוִי דִי ל"ט מְלָאכוֹת פוּנֶעם מִשְׁכָּן, וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, וְוִי מִיר גֶעפִינֶען וֶוען משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען מְנַדֵּב זַיין פַארְן מִשְׁכָּן אִיז יֶעדֶער גְלַייךְ גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן מִיט אֵיין שִׂמְחָה, אֵיינֶער מִיט אַ גָאלְדֶענֶע זֵייגֶער, אַן אַנְדֶערֶער מִיט אַ גָאלְדֶענֶע לֶעפְל, אַן אַנְדֶערֶער הָאט גֶעהַאט נָאר זִילְבֶּער, אַן אַנְדֶערֶער נָאר קוּפֶּער, אָדֶער אֲפִילוּ נָאר וָואהל, אָבֶּער יֶעדֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט אַ חֵלֶק אִין בּוֹיעֶן דֶעם מִשְׁכָּן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט זַיין אַרְבֶּעט, עֶר שְׁפִּירְט וְוִי עֶר אַרְבֶּעט בַּיים בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, ווַייל יֶעדֶע אַרְבֶּעט פִירְט מֶען פוּן הִימְל פַארְן תִּיקוּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אָבֶּער אוֹיבּ וֵוייסְט עֶר דָאס נִישְׁט, פִּילְט עֶר זִיךְ וְוִי אַ אָפְּגֶעשְׁמִיסֶענֶער, דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט אִיז בַּיי אִים וְוִי

אֵיינֶער וָואס מֶען שְׁמַייסְט אִים אַרַיין ל"ט מַלְקוֹת (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן יא), עֶר הַאלְט אִין אֵיין קְרֶעכְצְן אוּן זִיפְצְן: פַארְוָואס דַארְף אִיךְ אַרְבֶּעטְן מִיט דִי אוּן דִי אַרְבֶּעט?! אֵיי וָואס פֶעלְט דִיר דֶען דָא? אָבֶּער אִיךְ ווִיל זַיין אַן עוֹשֶׁר... דוּ ווִילְסְט אֶמֶת'דִיג זַיין אַן עוֹשֶׁר - וֶוער לָאזְט דִיךְ דֶען נִישְׁט?! אָרִימְקֵייט אוּן רַייכְקֵייט וֶוענְדְט זִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט אִין ווִיפִיל גֶעלְט מֶען טְרָאגְט אִין טַאשׁ! אִין טַאשׁ קֶען דֶער אָרִימַאן הָאבְּן מֶער גֶעלְט ווִי דֶעם עוֹשֶׁר, דִי עֲשִׁירוּת פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר אִין זַיין קָאפּ..!

וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל פֶעלְט אִים גָארְנִישְׁט, אוּן וֶועם עֶס פֶעלְט יָא שֵׂכֶל דֶער הָאט נִישְׁט גָארְנִישְׁט (נְדָרִים דַּף מא ע"א; קֹהֶלֶת רַבָּה פָּרָשָׁה ז אוֹת לב), שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר צוּבְרָאכְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג, אַלְץ בַּאקְלָאגְט עֶר זִיךְ אַז עֶר הָאט נִישְׁט, דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ד, א): אֵיזֶהוּ עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ - אַן עוֹשֶׁר אִיז דֶער וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט זַיין חֵלֶק. עֶר אִיז צוּפְרִידְן מִיט וֶועלְכֶע אַרְבֶּעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים צוּגֶעפִירְט, דָארְט אִיז עֶר זִיךְ מְחַזֵּק אוּן דָארְט אִיז עֶר מְחַזֵּק נָאךְ מֶענְטְשְׁן, לְמָשָׁל אַז עֶר מוּז שְׁטֵיין אִין אַ סְטָאר הָאט עֶר דָארְט גְרֵייט אַ מִשְׁנָיוֹת, עֵין יַעֲקֹב, תְּהִלִּים, אוּן וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין קָאסְטוּמֶערְס זָאגְט עֶר תְּהִלִּים, אוּן לֶערְנְט אַבִּיסְל עֵין יַעֲקֹב, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, אַבִּיסְל אַנְדֶערֶע גְרִינְגֶע זַאכְן ווִי קִיצּוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ וְכוּ', [בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים פְלֶעגְן זָאגְן: אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה אִיז צוּ לֶערְנֶען אִין גֶעשֶׁעפְט - גְלַייךְ וֶועט דִיר דֶער סַמֶ"ךְ-מֵ"ם אַרַיינְשִׁיקְן קָאסְטוּמֶערְס כְּדֵי דוּ זָאלְסְט פַארְמַאכְן דֶעם סֵפֶר], אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז עֶס קוּמְט אַרַיין אַ קָאסְטוּמֶער נֶעם אִים אוֹיף מִיט אַ שְׁמֵייכְל: וָואס מַאכְט אִיר? זָאג אִים אַ גוּט וָוארְט, פַארְצֵייל אִים אַ מַעֲשֶׂה, לֶעבּ אִים אוֹיף אוּן מַאךְ אִים פְרֵיילֶעךְ, מִיט דֶעם הָאסְטוּ מְחַיֶּה גֶעוֶוען אַ אִיד, דֶער מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ נֶעבֶּעךְ אַרוּם מִיט אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוּן דוּ מִיט דַיין שְׁמֵייכְל הָאסְט אִים מַמָּשׁ גֶערַאטֶעוֶועט, בַּאלְד וֶועט עֶר דִיר אוֹיסְפַארְצֵיילְן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת וָואס עֶר הָאט, בִּיז עֶס וֶועט אִים לַייכְטֶער וֶוערְן אוֹיפְן הַארְץ.

און אויפְלֶעבְּן אַ איד אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטֶע זַאךְ, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן מג). דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן דֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶס אִיז כְּדַאי צוּ לֶעבְּן זִיבֶּעצִיג אַכְצִיג יָאר נָאר צוּ טוּהן אֵיינְמָאל אַ טוֹבָה פַּאר אַ אִיד.

## דִי זְכוּת פוּן אַ גוּטֶער מְלַמֵד

וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶועם דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעפִירְט עֶר זָאל זַיין אַ מְלַמֵד דַארְף עֶר זִיכֶער זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אַז עֶר הָאט דִי זְכוּת אוֹיפְצוּבוֹיעֶן טֵייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלִיך, און עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ טוּהן זַיין אַרְבֶּעט מִיט גֶעטְרֵיישַׁאפְט, אַז עֶר אִיז לְמָשָׁל אַן אַלֶף בֵּית מְלַמֵד זָאל עֶר זִיךְ אַרָאפְלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶערְלֶעךְ און זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דִי אַלֶף בֵּית מִיט חָכְמָה און גֶעדוּלְד, דֶער "א" אִיז אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס אֵיין הַאנְט אוֹיף אַרוֹיף צוּ נֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מִיט אֵיין הַאנְט שְׁטְרֶעקְט עֶר שׁוֹין אוֹיס צוּ גֶעבְּן וַוייטֶער פַּאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן; אַ "ב", אִיז פַּארְמַאכְט פוּן אוֹיבְן פוּן אוּנְטְן און פוּן דֶער זַייט, נָאר פוּן פָארְנְט אִיז דָאס אָפֶען, צוּ וַוייזְן אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג נָאר קוּקְן פָארְאוֹיס, נִישְׁט קוּקְן וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן אִים אָדֶער נִידְרִיגֶער פוּן אִים, אוֹיךְ נִישְׁט צוּרִיק קוּקְן וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען, נָאר שְׁטֶענְדִיג קוּקְן פָארְאוֹיס וָואס עֶר הָאט יֶעצְט צוּטוּהן; אַ "ג" אִיז דִי פִיס צוּשְׁפְּרֵייט אַזוֹי ווִי אֵיינֶער וָואס לוֹיפְט, צוּ וֶועם לוֹיפְט עֶר? צוּם דַלֶ"ת - צוּ טוּהן חֶסֶד מִיטְן אָרִימַאן, ווִידֶער דֶער "ד" שְׁטֶעקְט זִיךְ אַבִּיסְל אַרוֹיס אוֹיבְן בַּיים רוּקְן, ווִי אֵיינֶער וָואס הַאלְט דִי הַאנְט בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט וַוייל עֶר שֶׁעמְט זִיךְ צוּ נֶעמֶען צְדָקָה (שַׁבָּת קד ע"א); אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיךְ אוֹיס דִי נְקוּדוֹת קָמֶץ אַלֶף אָ וְכוּ'; און אַלֶעס מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס גֶעדוּלְד.

אַ מְלַמֵד טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן, אַ מְלַמֵד וָואס שְׁלָאגְט אִיז אַ רוֹצֵחַ ! אַ מְלַמֵד וָואס הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן מִיט זַיין הֶענְט אוּן עֶר שְׁלָאגְט רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס זָאל עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי סַאנֶעטֶעישְׁן דֶעפַּארְטְמֶענְט, צַאמְצוּנֶעמֶען דִי מִיסְט פוּן דִי גַאסְן [אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים דָארְט יָא אָנְנֶעמֶען... הַיינְט דַארְף מֶען פַאר דֶעם הָאבְּן אַ דִיפְּלָאמֶע אַז מֶען אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען גֶעהֶערִיג אַלֶע הַיי סְקוּל יָארְן] דָארְט וֶועט עֶר קֶענֶען וַוארְפְן דִי מִיסְט קַאנֶעס אִינֶעם טְרָאק אַרַיין מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס רְצִיחָה, אוּן דֶערְנָאךְ גֶעבְּן אַ וַוארְף צוּרִיק מִיט רְצִיחָה... ! אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף יז) וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט, אַז אַ מְלַמֵד טָאר נִישְׁט פַאסְטְן, עֶר דַארְף גוּט עֶסְן אוּן גוּט שְׁלָאפְן כְּדֵי עֶר זָאל זַיין אוֹיסְגֶערוּהט אוּן רוּאִיג צוּ דִי קִינְדֶער.

אַזוֹי קֶען מֶען יֶעדֶע אַרְבֶּעט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן פַאר אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן דָארְט מְחַיֶה זַיין סַיי זִיךְ אַלֵיין אוּן סַיי אַנְדֶערֶע אִידְן, אָבֶער צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ אוּן תִּיקּוּן הַבְּרִית (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן יא), וָואס דֶעמָאלְטְס אִין וֶועלְכֶע פְּלַאץ מֶען קוּמְט נָאר אָן פִּילְט מֶען זִיךְ בַּאקְוֶועם, אֲפִילוּ צוּמָאל שְׁפִּירְט מֶען זִיךְ צוּשְׁלָאגְן אוּן צוּפְרַאסְקֶעט דָאךְ אִיז מֶען זִיךְ מְחַזֵק, אוּן מֶען וַוייסְט אַז פוּן הִימְל הָאט מֶען גֶעפִירְט אַז בִּיז דֶערְוַוייל זָאל אִיךְ דָארְט זַיין, אוּן אַז מֶען ווִיל אֶמֶת'דִיג קֶען מֶען דָארְט אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן דָארְט אוֹיךְ טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק: וַיִּפְגַע בַּמָּקוֹם - יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיפְן פְּלַאץ ! וֶועלְכֶער פְּלַאץ ? עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט ! וַוייל וואוּ יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעווּסְט אַז דָארְט אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר הָאט זִיךְ דָארְט גֶעטְרָאפְן דָאס פְּלַאץ... !

## ו.

## לֶעבְּן מִיט גוּטֶע אוּן פַּאזֶעטִיוֶוע גֶעדַאנְקֶן

וַיָּלֶן שָׁם כִּי בָא הַשֶּׁמֶשׁ וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא (בְּרֵאשִׁית כח, יא). וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעוָואלְט נֶעכְטִיגְן הָאט עֶר אַרוּמְגֶעלֵייגְט שְׁטֵיינֶער אַרוּם זַיין קָאפּ כְּדֵי דִי ווִילְדֶע חַיוֹת זַאלְן אִים נִישְׁט אוֹיפְעֶסְן (עַיֵּן בְּרַשִׁ"י). פַארְוָואס הָאט עֶר נָאר מוֹרָא גֶעהַאט פַאר דִי קָאפּ, דִי חַיוֹת קֶענֶען דָאךְ פּוּנְקְט אַזוֹי בַּייסְן אוֹיךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶע קֶערְפֶּער ? ! (עַיֵּן לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, תְּפִלַּת הַמִּנְחָה הֲלָכָה ז, אוֹת פה; הוֹדָאָה הֲלָכָה ו, אוֹת כד).

נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רל"ג): וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶן טָאר עֶר נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר דַארְף ווִיסְן אַז מֶען שִׁיקְט דָאס אִים פוּן הִימְל זֶעהְן צוּ עֶר ווֶעט זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן אָנְהֵייבְּן טְרַאכְטְן אַנְדֶערֶע גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת, דֶער רֶבִּי גִיט אַ מָשָׁל אוֹיף דֶעם, מֶען פְלֶעגְט אַמָאל בְּרֶענְגֶען פַאר דִי קֶענִיגְן צְוֵויי חַיוֹת זֵיי זָאלְן זִיךְ פַּארְמֶעסְטְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אוּן זֶעהְן וֶוער עֶס ווֶעט גֶעוִוינֶען אוּן אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם אַנְדֶערְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט מִיטְצוּהַאלְטְן אַזַא פַּארְמֶעסְט, [הַיינְט אִין דִי מָאדֶערְנֶער ווֶעלְט גֵייט דָאס מִיט צְוֵויי מֶענְטְשְׁן [בָּאקְסִינְג], הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן קוּקְן זִיךְ צוּ ווִי אֵיין שָׁחוֹר קְנַאקְט דֶעם אַנְדֶערְן אוּן דֶער אַנְדֶערֶער קְנַאקְט צוּרִיק], דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ - פִּירְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס, דִי מַחְשָׁבוֹת פוּן אַ מֶענְטְשׁ ווֶערְט אָנְגֶערוּפְן חַיוֹת, גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת ווֶערְן אָנְגֶערוּפְן טָהוֹרֶ'ע חַיוֹת, שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת טָמֵא'נֶע חַיוֹת, אוּן פַארן בַּאשֶׁעפֶער אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲנָאָה אוּן תַּעֲנוּג צוּ זֶעהְן ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ, אוּן מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּהְן פוּן אַלֶע נַארִישֶׁע מַחְשָׁבוֹת וָואס עֶס קוּמְט אִים אַרַיין, נָאר עֶר טְרַאכְט גְלַייךְ נָארְמַאלֶע זַאכְן פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה, אָדֶער פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט צוּ עֶרְלֶעדִיגְן, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ.

פוּן וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כ"א); אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט גוּט וֶועט זַיין גוּט! פַארְקֶערְט אַז מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְט, אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן זָארְגְן: וָואס וֶועט זַיין? וָואס וֶועט זַיין? וֶוערְט רוּאִנִירְט דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אוּן מֶען קֶען מֶער נִישְׁט אָנְגֵיין וַוייטֶער, עֶס אִיז דָא אַ נִיגוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אִיצִיקְל וָוארְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זִינְגֶען: וָואס דַארְפְסְטוּ זָארְגְן, וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן, - עֶנְדֶערְשׁ זֶעה צוּ פַארְעֶכְטְן, וָואס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג לֶעבְּן מִיט גוּטֶע גֶעדַאנְקֶן, "אִיךְ וֶועל מַצְלִיחַ זַיין", "דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט מִיר זִיכֶער הֶעלְפְן", "קֵיינֶער וֶועט מִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁרֶעקֶן אַז אִיךְ טוֹיג נִישְׁט", "קֵיינֶער וֶועט מִיר נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן אַז אִיךְ בִּין אַ שְׁלִי'מַזָל אוּן אִיךְ הָאבּ צְוֵויי לִינְקֶע הֶענְט", אַזוֹי דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג גוּט אוּן פַּאזִיטִיוו.

## קִינְדֶער דַארְף מֶען אוֹיפְהֵייבְּן אוּן זֵיי וַוייזְן אַז זֵיי קֶענֶען יָא

סְפֶּעצִיעֶל אִיז דָאס פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע יְסוֹדוֹת אִין חִינוּךְ, אוֹיפְצוּהֵייבְּן קִינְדֶער אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, זֵיי זָאלְן וִויסְן: אִיךְ קֶען יָא! אִיךְ וֶועל יָא מַצְלִיחַ זַיין! דִי פָארְשֶׁערְס מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן אַז אַ קִינְד בִּיז דִי חֲתוּנָה הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט עֶטְלִיכֶע דְרַייסִיג טוֹיזֶענְט מָאל נֶעגֶטִיוֶוע וֶוערְטֶער: דוּ שְׁלִי'מַזָל! דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד! פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט אוֹיסְוַואקְסְן! נִישְׁט אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעהֶערְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אַ שָׁאד אַז דוּ בִּיסְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, דוּ קֶענְסְט גָארְנִישְׁט, דוּ טוֹיגְסְט אוֹיף גָארְנִישְׁט, דוּ בִּיסְט אַ לֵיידִיג-גֵייעֶר וְכוּ', אָפְּגֶעֶרֶעדְט אִין חֵדֶר הֶערְט עֶר דָאס פוּן אֵיין מְלַמֵד נָאכְן אַנְדֶערְן, שְׁטֶענְדִיג קְלַאפְּט מֶען אִים אַרָאפּ אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן אַז פוּן אִים וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין, יֶעצְט וָואס ווִילְסְטוּ שׁוֹין עֶרְוַוארְטְן פוּן אַזַא קִינְד?! אַז מֶען ווִיל עֶרְצִיעֶן אַ גֶעזוּנְט

קינד, אַ געראָטן קינד, איז די וויכטיגסטע זאַך אים אויפצובויען און ווייזן אַז ער קען יאָ...

מען זעהט ווען אַן עלעקטעריששאַן וויל איינטרענען זיין קינד, אָבער ווי עס פאַרשטייט זיך מאַכט ער נאָך אין אָנהייב טעותים, ער רירט אָן צוויי דראָטן וואָס מען טאָר נישט, און ער כאַפּט רחמנא לצלן אַ גוטן שאָק, ער לויפט צו זיין טאַטען מיט אַ באַשלוס: דאָס איז נישט פאַר מיר, איך קען נישט זיין קיין עלעקטעריששאַן... אָבער וואָס טוט אַ קלוגע טאַטע? ער רופט אים אַהער און ער זאָגט אים: ניין משה'לע! שרעק זיך נישט, איך וועל דיר פונקטליך ווייזן וואָס צו טוהן, און אַזוי לערנט ער אים אויס נאָכאַמאָל אַז ווען מען האַלט די ווייער טאָר מען נישט האַלטן די ווייער, דו דאַרפסט נישט מורא האָבן נאָר געדענקן די כללים, ביז ווילאַנג ער לערנט זיך גוט אויס, דאָס איז דער וועג ווי אַזוי מען דאַרף צוגיין ביי יעדע זאַך אין חינוך, אַריינברענגען פּאָזעטיווע געדאַנקן, אַזוי וועט מען האָבן הצלחה מיט די קינדער, זיי וועלן וואַקסן ערליכע געזונטע קינדער.

## די עצה צו האָבן אַ געזונטע פריילעכע שטוב

ווער רעדט נאָך ווען אַ מענטש האָט חתונה און ער פאַנגט אָן זיין לעבן דאַרף ער זייער וויכטיג וויסן נאָר אויפצובויען זיין ווייב, דאַרפסט גוט געדענקן: "וואָס מען האָט מיט דיר געטוהן דיין גאַנץ לעבן זאָלסטו יעצט נישט צוריק טוהן צו דיין ווייב", ווייל אַז דער אייבערשטער האָט געהאָלפן אַז דו האָסט חתונה געהאַט און יעדער איז געווען אַזוי פריילין, זאָלסטו יעצט נאָר מחזק זיין, זאָגן גוטע ווערטער און אויפבויען דיין טייערע ווייב, אמת אַז דו האָסט געמיינט אַז נאָר דו ביסט דורכגעגאַנגען שוועריקייטן אין די יוגענט און יעצט וועט דיך שוין דיין ווייב נאָר מחזק זיין, בּיזדערווייל נאָך די חתונה הייבט זי הערשט אָן צו פאַרציילן אירע שוועריקייטן און אירע דורכפעלער פון אַלע יאָרן..., דאָך דאַרפסטו וויסן אַז דו ביסט דער מאַן און אויף דיר ליגט די פליכט איר מחזק צו זיין און

אוֹיפְבּוֹיעֶן, בַּיי דִי בְּרָכוֹת יֶעדְן צוּפְרִי זָאגְן מִיר "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה", נִישְׁט חָלִילָה מְזַלְזֵל צוּ זַיין אִין אַ פְרוֹי, נָאר וַוייל אַ פְרוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן זִי זָאל נֶעמֶען, וַויי אוּן בִּיטֶער אִיז אוֹיבּ דֶער מַאן אִיז אוֹיךְ אַ נֶעמֶער, עֶר דַארְף אוֹיךְ אַז דִי וַוייבּ זָאל אִים גֶעבְּן עֶטֶענְשֶׁע"ן, דִי וַוייבּ זָאל אִים זָאגְן אַ גוּט וָוארְט... אַ מַאן דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ מַשְׁפִּיעַ, נָאר גֶעבְּן פַאר דִי פְרוֹי, דֶערְפַאר זָאגְן חֲזַ"ל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו' ע"ב): אִשָּׁה בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ - אַ מַאן דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ. אוּן אַז אַ יוּנְגֶערְמַאן הָאט שֵׂכֶל עֶר הֶעלְפְט דִי וַוייבּ אוּן עֶר מַאכְט אִיר פְרֵיילִיךְ, וֶוערְט זִי צוּפְרִידְן, אוֹיטָאמַאטִישׁ וֶוערְט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ צוּפְרִידְן, וַוייל אַז זִי אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז זִי פְרֵיילִיךְ, אוּן אַזוֹי בּוֹיעֶט מֶען אוֹיף מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס הִילְף אַ שֵׁיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע שְׁטוּבּ וואוּ יֶעדֶער אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי כַּוָּונָה פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ רִינְג פוּן שְׁטֵיינֶער אַרוּם זַיין קָאפּ, מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן חַיּוֹת רָעוֹת, אַז דִי אַלֶע פְרֶעמְדֶע מַחְשָׁבוֹת זָאלְן אִים נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען אִין קָאפּ אוּן אִים צוּבְּרֶעכְן חַס וְשָׁלוֹם, נָאר שְׁטֶענְדִיג זָאל עֶר זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין מִיט גוּטֶע גֶעדַאנְקֶן אוּן אַזוֹי אַרוּם וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

## ז.

## אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט

צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד רֶבִּי אַבְרָהָם שְׁטֶערִינְהַארְץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין גָאר הוֹיעֶכְן עֶלְטֶער אִיז זַיין סֵדֶר גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיינַאכְט אִינְדֶערְהֵיים, פַארְטָאגְס אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין בֵּית מִדְרָשׁ, גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, אוּן גֶעדַאוֶונְט וָתִיקִין, אַרַיינְקוּמֶענְדִיג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ יֶעדְן טָאג פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן בַּיי דִי מְזוּזָה אוּן גֶעזָאגְט מִיט אַ שִׂמְחָה אוּן פְרִישְׁקֵייט: אַ

נייעֶר טָאג! אַ נייעֶר טָאג! פְּלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: אַבִּיסֶעלֶע אַבִּיסֶעלֶע איז אַ פוּלֶע שִׁיסֶעלֶע! און עֶר פְּלֶעגְט חַזֶר'ן די שִׂיחָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, "אַבִּיסְל איז אוֹיךְ גוּט". וֶוען מֶען זָאל גוּט בַּאטְרַאכְטְן פַארְוָואס לֶערְנְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ? וַוייל עֶר מַאכְט זיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, אִיךְ דַארְף לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל און אַזוֹיפִיל, און דָאס קֶען עֶר נִישְׁט בַּאוַוייזְן, דֶערִיבֶּער לֶערְנְט עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט... אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַבִּיסְל איז אוֹיךְ גוּט, וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג קֶענֶען אַרַיינְכַאפְּן אַבִּיסְל.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל - פַארְוָואס זֶענֶען אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה? וַוייל מֶען וִויל טוּהן שְׁלֵימוּת, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין די גַאנְצֶע סֶדְרָה אוֹיפְאֵיינְמָאל, פְּרַייטָאג נָאךְ חֲצוֹת וְכוּ', אָבֶּער וִויבַּאלְד אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ קֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן, סְפֶּעצִיעֶל אִין די קוּרְצֶע פְּרַייטָאגְס, אָדֶער אַרְבֶּעט עֶר, אָדֶער איז עֶר אַ מְלַמֵּד, קוּים וָואס עֶר הָאט צַייט זיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת און לוֹיפְן אִין מִקְוָה, בַּאשְׁלִיסְט עֶר אַז בַּיינַאכְט נָאךְ די סְעוּדָה וֶועט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, פְּרַייטָאג צוּנַאכְטְס - אָדֶער מֶען לוֹיפְט צוּ אַ טִישׁ אָדֶער מֶען שְׁלָאפְט אַיין... וֵוייסְטוּ וָואס - טְרַאכְט עֶר מִיט זִיכֶערְקֵייט - מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי וֶועל אִיךְ אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס און מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין! שַׁבָּת צוּפְרִי - קוּים קוּים וָואס עֶר איז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען צוּם דַאוֶונֶען... בַּיים לֵיינֶען מַאכְט עֶר שׁוֹין אָפּ מִיט אַ שְׁטַארְקַייט "הַיינְט גְלַייךְ נָאכְן סְעוּדָה בִּין אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה"... עֶס קוּמְט דֶערְצוּ, וִוי נָאר עֶר הָאט גֶעגֶעסְן דֶעם פֵיינֶעם טְשָׁאלֶענְט כַאפְּט אִים אַ גוּטֶער שְׁלָאף... וֶוען עֶר כַאפְּט זיךְ אוֹיף דַארְף עֶר שׁוֹין לוֹיפְן צוּ מִנְחָה, און מֶען לֵיינְט שׁוֹין די נַייעֶ סֶדְרָה! אוּמְוֶועלֶנְדִיג איז דוּרְך אַ וָואךְ און עֶר הָאט נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען, אַזוֹי גֵייט דוּרְך וָואךְ נָאךְ וָואךְ מֶען איז לֵיידֶער נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, אָבֶּער אַז מֶען זָאל זיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף די פָּשׁוּטֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וָואלְט מֶען דָאס גְרִינְגֶערְהֵייט גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן (עַיֵּן אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה, סְעִיף ג'), זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, און

אַזוֹי וַוייטער, און אַ קלוגער מענטש גנב'עט יעדן טאג אַראָפּ נאָך אַפּאָר פּסוקים אַזוֹי אַז פרייטאג האלט ער שוין ביי שביעי אָדער מפטיר, פרייטאג דארף ער נישט ענדיגן מער ווי אַפּאָר פסוקים, און ער איז ברוך השם מעביר סדרה יעדע וואָך.

ביי משניות איז אויך די זעלבע זאַך, "איך קען נישט יעצט זיצן און לערנען אַ גאַנצע מסכת משניות" - טענה'ט אַ מענטש. פיין און גערעכט... אָבער אַריינכאַפּן דאָ אַ פּרק משניות און דאָרט אַ פּרק משניות און שפּעטער נאָך אַ פּרק, דאס איז שוין עפּעס אַנדערש, איין דף גמרא אַ טאָג קען איך נאָך פּראָבירן אַרויסצוכאַפּן, אַביסל שלחן ערוך וועל איך אויך באַווייזן, "אַ מענטש וויל אַסאַך דעריבער טוט ער גאָרנישט", אָבער אַז ער וועט אָננעמען די עצה פונעם רבי'ן, אַז אַביסל איז אויך גוט, וועט ביים סוף פון די סאַך ביסעלעך זיך אָנפולען אַ גאַנצע שיסעלע, און ווען ער וועט אַ בליק טוהן אויף צוריק וועט ער זעהן אַז ער האָט ברוך השם אַסאַך צאַמגעלערנט.

דער אייבערשטער זאָל העלפן אַז מען זאָל זוכה זיין זיך צו דערהאַלטן און מקיים זיין די אַלע זאַכן.

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר

של הספר הזה מאור עינינו,

חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד

קדושת מרן הגה"ק רבי

## אליעזר שלמה

בן רבי

## מנחם זאב

זצוקללה"ה

נלב"ע י"ז שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**